**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פטור ווערן פון קאסט-שערינג אויף אטסמא אינהעילערס**

***נייע געזעץ וועט שפארן געלט פאר ניו יארקער און פארבעסערן צוטריט צו לעבנס-רעטנדע מעדיצין***

***לעגיסלאציע (S.1804-A/A.128-A) ווערט פטור פון קא-פעיס, קא-אינשורענס און דעדאקטיבעלס פאר אינהעילערס פאר סיי וועלכע ניו יארקער אויף סטעיט-רעגולירטע העלט אינשורענס פלענער***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז זי האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארבעסערן צוטריט צו לעבנס-רעטנדע מעדיצינען פאר ניו יארקער וואס ליידן פון אטסמא דורך פטור ווערן פון קא-פעיס, קא-אינשורענס און דידאקטיבעלס פאר לעבנס-רעטנדע איהעילערס. די נייע געזעץ וועט פארזיכערן אז איין סארט רעסקיו אינהעילער און איין סארט מעינטענענס אינהעילער וועט ווערן צוגעשטעלט פריי פון אפצאל פאר פאציענטן אויף סטעיט-רעגולירטע העלט פלענער. מיט איבער 1.4 מיליאן ערוואקסענע אין ניו יארק וואס לעבן מיט אטסמא, וועט פטור ווערן פון די קאסטן מאכן לעבנס-רעטנדע מעדיצינען מער צוטריטליך פאר די וואס דארפן עס.

"קיינער זאל נישט דארפן מאכן א באשלוס צווישן באצאלן זייערע בילס אדער קויפן א נייע אינהעילר וואס קען ראטעווען זייער לעבן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "פארלאנגען אינשורענס דעקונג און פטור ווערן פון קא-אינשורענס פאר אינהעילערס וועט העלפן מיליאנען ניו יארקער וואס לעבן מיט אטסמא צו זיין פארזיכערט אז זיי בלייבן קיינמאל נישט אן די מעדיצינען אויף וואס זיי זענען אנגעוויזן."

לעגיסלאציע S.1804-A/A.128-A פארלאנגט פון יעדער אינשורענס פאליסי צו צושטעלן דעקונג פאר אינהעילערס און פאר די באהאנדלונג פון אטסמא צו פארזיכערן אז איינגעשריבענע האבן צוטריט צו ווייניגסטנס איין רעסקיו און איין מעינטענענס אינהעילער אויף וואס מען דארף נישט צאלן קיין דידאקטיבל, קא-פעי, קא-אינשורענס, אדער סיי וועלכע אנדער פאדערונג צו צאלן פון די אייגענע טאש. די פרייז פאר אטסמא אינהעילערס קען זיין אסטראנאמיש הויך פאר פיל מענטשן, מיט די קאסטן פון יעדער לעבנס-רעטנדע דעוויס זייענדיג אזוי הויך ווי 640 דאלאר א חודש אין געוויסע אומשטענדן.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) עקטינג סופעראינטענדענט Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) האט געזאגט,** "פטור ווערן פון די געלט וואס מען דארף אליינס באצאלן פאר אינהעילערס וועט אויסברייטערן צוטריט צו לעבנס-רעטנדע מעדיצינען פאר כמעט צוויי מיליאן ניו יארקער וואס לעבן מיט אטסמא. א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, וועלן קאסטן מער נישט זיין קיין אפהאלט פאר די קריטישע קעיר."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער Dr. James McDonald (דאקטאר דזשעימס מעקדאנעלד) האט געזאגט,** "איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און פארפליכטונג צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו די לעבנס-רעטנדע מעדיצינען וואס זיי דארפן. געלט זאל קיינמאל נישט זיין דאס וואס שטייט צווישן א מענטש און די אינהעילער וואס קען ראטעווען זיין לעבן. אוועקנעמען קא-פעיס מיינט אז מער ניו יארקער קענען גרינגער אטעמען—אין פשוט'ן זין פוןווארט ווי אויך פינאנציעלערהייט."

**סטעיט סענאטאר Gustavo Rivera (גוסטאוואו ריווערא) האט געזאגט,** "מיט דעם וואס די גאווערנאר האט אונטערגעשריבן דעם ביל אלס געזעץ, איז ניו יארק איין טריט נענטער צו פטור ווערן פון די פינאנציעלע אפהאלטונגען וואס טוען שטערן אונזערע איינוואוינער פון האבן צוטריט צו לעבנס-רעטדנע אטעמא מעדיצינען. איך וויל באדאנקען מיין שותף אין די אסעמבליד, Jessica Gonzalez-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראודשעס), פאר'ן נאנט ארבעטן מיט מיר צו ארייינשטעלן די וויכטיגע געזעץ אין די ביכער, וואס וועט פארבעסערן צוטריט צו קעיר."

**אסעמבלי מיטגליד Jessica González-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-רואדשעס) האט געזאגט,** "איך בין אזוי שטאלץ אז גאווערנאר Hochul (האקול) האט אונטערגעשריבן מיין ביל, A128A, אלס געזעץ. די לעגיסלאציע איז א קריטישע שריט אינעם ריכטונג פון פאראויסריקן געזונטהייט גלייכבארעכטיגונג פאר די קאמיוניטיס וועמען איך פארטרעט און פאר פאמיליעס דורכאויס ניו יארק סטעיט. פאר צו לאנג, האבן ניו יארקער — ספעציעל די וואס וואוינען אין געגנטער ווי אטעמא וואלי אין מיין דיסטריקט — זיך געמוטשעט מיט אומ'יושר'דיג הויכע אטעמא ראטעס און אומאקצעפטירבארע קאסט אפהאלטונגען פאר וויכטיגע קעיר. דורך פטור ווערן פון קא-פעיס, דידאקטיבעלס און קאסט-שערינג פאר אטעמא אינהעילערס, טוען מיר פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו די לעבנס-רעטנדע מעדיצינען וואס זיי דארפן. איך בין דאנקבאר פאר די שתדלנים, העלט-קעיר פראפעסיאנאלן און קאמיוניטי פירער וועמנס מיטארבעט האט געהאלפן פארווירקליכן דעם געזעץ. היינט, טוען מיר נעמען נאך א וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון בויען א געזונטערער און מער יושר'דיגע ניו יארק."

**קאונסיל מיטגליד Lynn Schulman (לין שולמאן) האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האוקול) פאר'ן אונטערשרייבן דעם לעבנס-רעטנדע לעגיסלאציע, צו צושטעלן אטעמא אינהעילערס פאר פאציענטן פאר אומזיסט. ווי אויך, א דאנק פאר די ביל ספאנסערס, אסעמבלי מיטגליד Jessica Gonzalez-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראודשעס) און סענאטאר Gustavo Rivera (גוסטאוואו ריווערא). אלס פארזיצער פון די NYC קאונסיל געזונטהייט קאמיטעט (NYC Council Health Committee), בין איך צופרידן צו זאגן אז ניו יארקער קענען יעצט אפאטעמען אין דערלייכטערונג!"

לויט די ניו יארק סטעיט געזונטהייט אפטיילונג, טוען מער פון 1.4 מיליאן ערוואקסענע אין ניו יארק לעבן מיט אטעמא. די צושטאנד טוט אויך שטארק אפעקטירן קינדער. אין 2021, האט די אמעריקאנער צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Center for Disease Control and Prevention, CDC) געשאצט אז אומגעפער 315,000 קינדער אין ניו יארק סטעיט האבן אטעמא — ארום 8.9 פראצענט פון די סטעיט'ס קינדער באפעלקערונג. לויט די CDC, טוט אטעמא קאסטן די לעבן פון אומגעפער 10 מענטשן א טאג, מאכנדיג עס פאר די זעקסט-העכסטע אורזאך פון טויט אין די פאראייניגטע שטאטן.

אטעמא שטעלט א גרויסע לאסט אויף אונזער העלט-קעיר סיסטעם. יעדער יאר, טוט אטעמא פאראורזאכן מער ווי 1.7 מיליאן עמערדשענסי אפטיילונג באזוכן און איבער 50 ביליאן דאלאר אין העלט-קעיר קאסטן.

אונטערשרייבן די לעגיסלאציע בויעט אויף די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארקער דורך רעדוצירן קאסטן און פארמערן צוטריט צו קריטישע מעדיצינען. אין 2024, האט גאווארנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פטור ווערן פון אינסולין קאסט-שערינג פאר סיי וועלכע ניו יארקער אויף א סטעיט-רעגולירטע העלט אינשורענס פלאן. די איניציאטיוו האט איינגעפירט די ברייטסטע פארבאט קעגן אינסולין קאסטן-שערינג אינעם לאנד, ברענגנדיג פינאנציעלע דערלייכטערונג פאר ניו יארקער און פארבעסערענדיג דאס זיך האלטן צו די לעבנס-רעטנדע מעדיצינען. מיט 1.58 מיליאן ניו יארקער דיאגנאזירט מיט דייעביטיס, ווערט די פארשלאג געשאצט צו שפארן א געשאצטע 14 מיליאן דאלאר פאר ניו יארקער בלויז אין יאר 2025.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן